בעזהשי"ת

# דברי חיזוק

## פרשת שופטים


**רביה"ק מסאטמאר** - זיי נישט קיין בטלן! כאפ כאטש אריין וואס דו קענסט! [עמוד ג]

**רביה"ק מסאטמאר** - בקרוב – ביי די גאולה וועלן מיר יא זוכה זיין צו א שלימות'דיגע עבודת ה' [עמוד ה]

**תפארת שלמה** - די עצה פטור צו ווערן פון מחשבות זרות – געדענקען פונעם בית המקדש [עמוד ח]

**חת"ם סופר** - זיך גרויסהאלטן איז א שפיל מיט פייער! [עמוד י]

**אמרות משה** - 'תמימות' – אן עצה פאר יעדן איד, אפילו פאר דער וואס טינקט זיך אין שמוץ! [עמוד יא]

**אך פרי תבואה** - דער וועג צו 'השראת השכינה' – זיך נישט אפרעדן אויף די הנהגה פונעם באשעפער [עמוד יא]

**אך פרי תבואה** - נאר דער וואס איז באהאפטן אינעם באשעפער קען זוכה זיין צו שלימות [עמוד יב]

**חיד"א** - דו דארפסט זיך נאר היטן וויפיל דו קענסט, די איבריגע וועט שוין דער אויבערשטער טון [עמוד יג]

**זכרון זאת** - אז דו וועסט מתפלל זיין, וועט דיר דער אויבערשטער זיכער ראטעווען פון אלע שלעכטע מחשבות! [עמוד יד]

**אמרות משה** - זיי זיך נישט מייאש אפילו דו ביסט פול מיט עבירות!! [עמוד טז]

**בית אהרן** - וויאזוי גייט מען אין מלחמה מיטן יצר הרע? [עמוד יז]

**פרי צדיק** - "איך האב מיר שוין פאריאר ראש השנה מקבל געווען זיך צו פארבעסערן, און..." [עמוד כ]

**חת"ם סופר** - אונזער נחמה: מיר האבן די הייליגע בתי מדרשות [עמוד כג]

**שם משמואל** - טראץ דיין נידריגע מצב ווערט נישט אפגעהאקט דיין קשר מיטן אויבערשטן! [עמוד כד]

**שפת אמת** - דער מהות פון א איד איז: העכער ווי טבע [עמוד כח]

**חיד"א** - די עבודה פון חודש אלול - א'חד ל'ו ו'אחד ל'חבירו [עמוד לא]

צו זיך איינשרייבן צו באקומען וועכנטליך די גליון

רופט / טעקסט / אימייל צו מכון דברי חיזוק אויף **845-886-0123**

ווי אויך פאר סיי וספארא באמעקונגען קענט איר לאזן א מעסידזש אויפן
סיסטעם אדער שיקן א אימייל צו
dc8458860123@gmail.com

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

שופטים

חלק מקונטרס הזה הוא מעשי ידי אומן של
הרב ר' **יוסף** זצ"ל ב"ר **אברהם שמואל יהודא** שליט"א
שהעתיק, ערך, וליבן חלק מקונטרס הזה, אשתקד פרשת ראה תשפ"ה
נדפס לזכרו ולעילוי נשמתו
יה"ר שזכות הרבים יעמוד לו לנצח ולנצחים, לו ולדורותיו
ת.נ.צ.ב.ה.

לעילוי נשמת
הגה"ק רבי **יקותיאל יודא** בן הגה"ק רבי **אלעזר ניסן** זי"ע ועכ"י אמן
בעל ייטב לב וייטב פנים - יומא דהילולא ו' אלול
לעילוי נשמת מו"ח רבי **נפתלי** ב"ר **יעקב** ז"ל - נלב"ע ג' אלול

## - א -

### זיי נישט קיין בטלן! כאפ באטש אריין וואס דו קענסט!

**צֶדֶק צֶדֶק תִּרְדֹּף לְמַעַן תִּחְיֶה וְיָרַשְׁתָּ אֶת הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לָךְ** (טז, כ).
דו זאלסט נאכלויפן צו טון גערעכטיגקייט, כדי דורכדעם זאלסטו לעבן און דו זאלסט ירש'ענען די לאנד וואס דער אויבערשטער געבט דיר [-ארץ ישראל]

מען דארף פארשטיין דאס דאפעלט לשון: 'צדק צדק', עס וואלט גענוג געווען ווען עס שטייט איין מאל 'צדק'. אויך דאס לשון 'תרדוף' איז שווער צו פארשטיין, עס וואלט געדאפט שטיין 'תעשה' וכדומה.

מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע איז דאס מבאר, לויט ווי עס איז באוויסט אז די תורה הקדושה איז א 'נצחיות', און די תורה רעדט בפרטיות צו די אידן פון אלע דורות, ממילא קען מען מרמז זיין אז די תורה קומט אונז דא ווייזן דעם וועג ווי אזוי מיר זאלן

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

שופטים

זיך פירן אין א צייט וואס מיר געפונען זיך ליידער אין א נידריגע מצב ברוחניות, ווי ווייט מיר דארפן זיך דעמאלטס שטארקן זי צו האלטן אויפן ריכטיגן וועג, און כאטש ארייננכאפן וואס מער מצוות ומעשים טובים עס איז מעגליך.

ווייל דאס איז דאך זיכער אז צו די אמת'ע 'שלימות' אין עבודת ה' וועלן מיר נאר זוכה זיין נאכדעם וואס משיח וועט קומען, אבער ביז דעמאלטס דארפן מיר זיך שטארקן צו מאכן א נחת רוח פארן אויבערשטן די מערסטע וואס איז נאר מעגליך, יעדער איינער לויט זיין השגה.

בפרט יעצט ווען מיר האבן אריין געטרעטן אין חודש אלול, און מיר גרייטן זיך שוין צו די 'הייליגע טעג', דארפן מיר זיך ספעציעל אנשטרענגן צו טון אלעס וואס ליגט נאר אין אונזער מעגליכקייט.

כאטש וואס דער יצר הרע רעדט איין דעם מענטש אז ער זאל טראכטן צו זיך: "איך וויים דאך מיין נידריגע מצב, מיין קאפ און מח ליגן אין שטותים והבלים, אויך מיינע השגות אין עבודת ה' זענען גאר קליין, אויב אזוי וואספארא ווערד האט שוין די ביסל מצוות וואס איך בין מקיים אויף אזא שוואכע מדריגה, נאכדערצו אז אלעס ווערט געטון טרוקענערהייט אן קיין הארץ און געפיל". אבער א מענטש דארף וויסן דעם אמת, אז אפילו אויב ס'איז טאקע אמת אז ער איז גאר נידריג, און אפילו אויב די מצות וואס ער טוט זענען ווייט פון שלימות, דאך טאר ער נישט ווערן געפאלן ביי זיך זיך נאכצולאזן ח"ו. נאר פארקערט, ער דארף זיך שטארקן און כאטש כאפן דאס וואס עס איז אים יא מעגליך, ווייל יעדע קליינע ריר פון 'סור מרע' אדער 'עשה טוב' און יעדע קליינע 'הרהור תשובה' האט גאר א גרויסע חשיבות, און נאכדערצו אז דורכדעם קען ער זוכה זיין צו שטייגן כסדר העכער און העכער, אזוי ווי חז"ל זאגן

(אבות ג, ב) 'מצוה גוררת מצוה'. אבער אויב ער וועט גארנישט טון, וועט ער צום סוף איבערבלייבן מיט 'גארנישט'.

דאס זאגט אונז דער פסוק: 'צדק צדק תרדוף', דאס דאפלט לשון ווייזט אויף א גרויסע ריבוי (אזוויאזוי חז"ל דרש'נען (ילק"ש דברים תתצ"ח) אויפן פסוק (דברים טו, י) 'נתון תתן לו' - אפילו מאה פעמים), דאס מיינט צו זאגן, אז כאטש וואס באמת וואלסטו געדארפט טון פאר השי"ת הונדערט מאל מער וויפיל דו טוסט, סיי בכמות און סיי באיכות, דאך 'תרדוף' - זאלסטו נאכיאגן מיט אלע כוחות צו כאפן יעדע קלייניקייט וואס דו קענסט טון פאר השי"ת.

אויב דו וועסט זיך האלטן פעסט, און נישט ווערן ח"ו צעבראכן פון דעם וואס דו ביסט ווייט פון שלימות, נאר דו וועסט זיך אנשטרענגן כאטש צו טון וואס עס איז יא אין דיין מעגליכקייט, דעמאלטס וועסטו צום סוף זוכה זיין אז יעדעס ביסל 'צדק' וואס דו טוסט וועט דיר ברענגן צו טון נאך א 'צדק', און אזוי ווייטער און ווייטער אן א גבול ותכלית, ווייל 'מצוה גוררת מצוה', און דו וועסט בעז"ה זוכה זיין שטענדיג צו זיין א 'מוסיף והולך' אין עבודת ה'.

## - ב -

### בקרוב – ביי די גאולה וועלן מיד יא זוכה זיין צו א שלימות'דיגע עבודת ה'

מרן רביה"ק איז ממשיך: דער פסוק פירט אויס: 'למען תחיה וירשת את הארץ'. מ'קען דאס ערקלערן לויט ווי דער מדרש זאגט (במדבר רבה יג, א), אז בשעת ווען די נשיאים האבן מקריב געווען זייערע קרבנות ביים חנוכת המשכן, האט זיך הקב"ה (כביכול) אפגערעדט אויף דעם וואס זיי האבן געברענגט נאר 'קערת כסף אחת', 'פר אחד', 'איל אחד','כבש אחד', 'שעיר עזים אחד'. האבן די נשיאים געענטפערט:

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

שופטים

"יעצט ווען מיר זענען אין מדבר האבן מיר געברענגט לויט אונזער מעגליכקייט דא, אבער ווען מיר וועלן זוכה זיין אריינצוגיין אין ארץ ישראל, דעמאלטס וועסטו שוין זען וויפיל קרבנות מיר וועלן מקריב זיין פאר דיר".

די זעלבע קען מען זאגן אויף אונזער ענין, אז נאכדעם וואס דער פסוק זאגט 'צדק צדק תרדוף', אז מען דארף כאפן מצוות ומעשים טובים אפילו עס איז נאר אויף א שוואכע מדריגה, אויף דעם פירט ער אויס '**למען תחיה וירשת את הארץ**' - אז דאס איז נאר אין אונזער יעצטיגע נידריגע מדריגה וואס מיר זענען פארזינקען אינעם שווערן גלות, און מיר האבן נישט ווער עס זאל אונז פירן און ווער עס זאל אונז מחזק זיין, און ס'איז נישט דא ווער עס זאל צוציען אידישע הערצער תשובה צו טון פארן אויבערשטן, און צו זיין דבוק אינעם אמת'דיגן וועג און אין דעם תורה'דיגן וועג, דערפאר דארפן מיר כאטש טון די מערסטע וואס מיר קענען. אבער מיר האפן בעז"ה אז ווען מיר וועלן בקרוב זוכה זיין צו '**למען תחיה וירשת את הארץ**' בביאת משיח צדקינו, וואס דעמאלטס וועט נתגלה ווערן דער כבוד שמים אויף די גאנצע וועלט, און אלע כוחות הטומאה וועלן ווערן בטל ומבוטל כעפרא דארעא; דעמאלטס וועלן מיר בעז"ה קענען דינען השי"ת אויף פיל א גרעסערע און העכערע מדריגה.

השי"ת זאל העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין צו תשובה שלימה, אין מיר זאלן זיך ריכטיג קענען צוגרייטן צו די 'הייליג טעג', און די קומענדיגע יאר זאל זיין א לעכטיגע און א פרייליכע יאר, אז אידישע הערצער זאל ווערן דערפריידט און געהאלפן ווערן מיט אלע מיני גוטע ישועות, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו '**שמחת יהודה וירושלים**' בביאת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן[א].

---

[א] **וזל"ק** (דברי יואל, תנינא, פ' שופטים עמ' קי"א)**: צדק צדק תרדוף למען תחיה וירשת וגו'**, ויש לדקדק שאמר צדק צדק בכפל הלשון, וגם הלשון תרדוף צ"ב. ואפשר לומר בדרך רמז שהתוה"ק

---

שהוא נצחיות עד סוף כל הדורות בא להורות כאן על זמני השפלות, האיך שיתנהג האדם אז להתאמץ בדרך הישרה, כי הנה זה ודאי שלהגיע לשלימות העבודה זה יהיה רק אחר ביאת המשיח, ועד אז צריך כל אחד להתאמץ עכ״פ לפי השגתו לעשות למען ה׳ ותורתו. ובפרט עכשיו כאשר נכנסים לחודש אלול ומתכוננים להימים הקדושים, צריכים לעשות כפי האפשריות מה שיכולים. ואף שהאדם חושב לעצמו מה אני ומה חיי ומה הם הדברים הטובים שכבר יש ביכולתי לעשות ולפעול, כי הלא הדעת הוא בשפלות ובחינת הלב תפוס במשמר, וכמו שפירש האלגאזי (הובא בישמח משה פ׳ ברכה, עה״פ תורה צוה וגו׳) הפסוק (משלי ד׳) מכל משמר נצור לבך, שצריך האדם לשמור את לבבו שלא תהיה תפוס במשמר, אמנם למעשה הרי הלב תפוס וכל מה שעושים הוא בבחינה של קטנות. אולם עכ״ז צריך האדם להתאמץ ולהשתדל לעשות כל מה שבידו וכל מה שבכוחו להבוכ״ע ולכבוד שמים ולהתוה״ק, ומה שיש באפשריותו לפעול לזכות את נפשו צריך לעשות, ואף גם כשהוא רק תנועה קלה של תשובה, כי אף שמצער הוא עכ״ז יכולים לקוות שעי״ז יתעורר גם להלאה, ומצוה גוררת מצוה (אבות פ״ד מ״ב), ולעומת זה אם לא יעשה מאומה הרי ישאר מאומה בידו. וזהו רמוז בהפסוק באומרו צדק צדק תרדוף, כי הנה חכמינו ז״ל (ילק״ש דברים תתצ״ח) דרשו הפסוק (דברים ט״ו) נתון תתן וגו׳, אפילו מאה פעמים, וכן בכל מקום שהוא כפל הלשון רמוז על ריבוי. ורמוז כאן שאף כשצריכים באמת לעשות מאה פעמים ככה, עכ״ז לא יניח מלעשות אף דבר קטן שהוא רק אחד אחוז ממאה, ואף ירדוף אחריה לעשותה, כי אפילו לא הגיע לשום שלימות עכ״ז לא יפול האדם ברוחו רק ישתדל לעשות עכ״פ כל מה שבידו, ועי״ז יוכל לקוות כי קצת הצדק שעושה יביא אתו עוד פעולה של צדק שני, ומצוה גוררת מצוה להיות מוסיף והולך. ועל זה מסיים הפסק למען תחיה וירשת את הארץ וגו׳, ויתבאר על פי דברי המדרש (במדב״ר פרשה י״ג פסקא א׳) ויהי המקריב וגו׳ את קרבנו וגו׳ (במדבר ז׳) הה״ד (תהלים נ״א) היטבה ברצונך את ציון וגו׳ אז תחפוץ זבחי צדק וגו׳, לפי שבמדבר בהקמת המשכן הקריבו לחנוכת המזבח קמעא, כמה דתימא (במדבר ז׳) קרבנו קערת כסף וגו׳ כף אחת וגו׳ פר אחד וגו׳ שעיר עזים וגו׳ ולזבח השלמים וגו׳ הרי כל הקרבן, למה הדבר דומה למלך שיצא לדרך והיו מביאים לפניו סעודה לפי הדרך ולפי הפונדק, אמר להם המלך כך אתם מכבדים לי וכך את נותנים לי, איני מלך ואיני שולט במלכות בתמיה, אמרו לו אדונינו בדרך אנחנו ולפי הדרך ולפי הפונדק הכנסנו לך, כשתכנס למדינה ותכנס לפלטרין שלך תראה כמה אנו מכבדין אותך, כך כשהוקם המשכן הקריבו לו הנשיאים דורון וקרבן

- ג -

**די עצה פטור צו ווערן פון מחשבות זרות – געדענקען פונעם בית המקדש**

**כִּי יִפָּלֵא מִמְּךָ דָבָר... דִּבְרֵי רִיבֹת בִּשְׁעָרֶיךָ וְקַמְתָּ**
**וְעָלִיתָ אֶל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר ה' אֱלֹהֶיךָ בּוֹ** (יז, ח)

אויב עס וועט ווערן פארהוילן פון דיר א געוויסער ענין, און מען וועט זיך קריגן אין א געוויסע הלכה, זאלסטו זיך אויפשטעלן און דו זאלסט ארויפגיין צו דער פלאץ וואס דער אויבערשטער האט אויסגעוועלט אין דעם [דער בית המקדש]

דער הייליגער תפארת שלמה זי"ע זאגט: ס'איז גאר א שווערע עבודה צו קענען דאווענען א ריינע תפילה אן קיין שום מחשבות זרות, נאר מיט א לויטערע און ריינע כוונה.

---

קערה ומזרק וכף פר אחד וגו' ושעיר עזים וגו' ולזבח וגו', אמר להם הקב"ה כך הוא כבודי, אמרו לו רבון העולמים במדבר אנו נתונים ולפי המדבר הקרבנו לפניך, כשתכנס לפלטרין שלך אתה רואה כמה קרבנות וכמה פרים נקריב לפניך, הה"ד הטיבה ברצונך את ציון תבנה חומות ירושלים אז תחפוץ זבחי צדק אז יעלו על מזבחך פרים, ולא פר אחד וכו' ע"כ. והיינו שאמר צדק צדק תרדוף, שצריכים להשתדל לחטוף כל דבר טוב אפיל קלה כמות שהוא, על זה מסיים למען תחיה וירשת גו', ורמוז שזהו רק כפי מצבינו שאנו כבושים בגולה אחר גולה בשפלות גדול מאד ואין מנהל ואין מחזיק בידינו, ואין מי שימשיך לבבות בני ישראל שנזכה עוד לשוב בתשובה לפני השי"ת ולהיות דבוק בדרך האמת ובדרך התורה, ולכן צריכים עכ"פ לעשות מה שיכולים בתקוה ובבטחון שכאשר נזכה ונחיה ונראה למען תחיה וירשת את הארץ, אז יוכלו לעבוד להשי"ת במדריגה יותר נעלה ונשגבה. והבורא כל עולמים יעזור שנזכה לשוב בתשובה שלימה ושיהיה לנו הכנה לקראת הימים הקדושים, שתהיה השנה הבאה שנת אורה ושמחה לשמח לבבות ישראל להושע בכל מיני ישועות טובות, ולראות במהרה בשמחת יהודה וירושלים בישועת כל ישראל ושמחתן בב"א.

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים



דאס איז די כוונה פון דעם פסוק מרמז צו זיין די עצה דערויף: "כִּי יִפָּלֵא מִמְּךָ דָבָר... דִּבְרֵי רִיבֹת בִּשְׁעָרֶיךָ" – אויב עס קומען אריין אין דיין מוח פילע מחשבות זרות וואס קריגן זיך מיט דיר, און שטערן דיר דאס דאווענען, איז דיין עצה: "וְקַמְתָּ וְעָלִיתָ אֶל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר ה' אֱלֹהֶיךָ בּוֹ" – אז תיכף ווען דו שטייסט אויף אינדערפריה, זאל דיין ערשטע מחשבה זיין איבער די געוואלדיגע צער פון די גלות השכינה, און דו זאלסט געדענקען פון דעם בית המקדש, דורכדעם וועט מען געראטעוועט ווערן פון מחשבות זרות, און זוכה זיין צו דאווענען בכוונה[ב].

---

[ב] וזל"ק: א"י כי יפלא ממך דבר למשפט כו' דברי ריבות בשעריך וקמת ועלית אל המקום אשר יבחר ד'. הנ"ל עפ"י מ"ש לעיל בפ' ראה במאמר הגמרא ברכות אצל ר"י בן קסמא שנכנס להתפלל אל אחת מחורבות ירושלים ובא אליהו ושמר לו על הפתח. מהו לשון שמירה שהי' צריך לו. וגם מהו על הפתח לרמז בזה עפ"י דברי הרמב"ן ז"ל על פ' ועבדתם את ד' אלקיכם עבודה שבלב זהו תפלה. כי באמת היא עבודה גדולה להתפלל בלי שום מחשבה זרה. וזה שהי' ר"י בן קסמא נכנס להתפלל על החורבות ירושלים שיבנה מהרה בימינו. ובא אליהו ושמר לו על הפתח. פי' פתחי פיו שמר אותם שיצאו הדברי' בכוונה הרצוי' כמ"ש ד' שפתי תפתח. כמ"ש הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא לפני בוא יום ד'. וזה הרמז בפ' זה כי יפלא ממך דבר כו' דברי ריבו' בשעריך הם המון המחשבות זרות המבלבלים את האדם בשעת התפלה. לזאת נתנה התורה עצה לזה וקמת ועלית אל המקום. פי' תיכף כשאדם עומד בבקר יהי' ראשית מחשבתו על גודל צער גלות השכינ'. וזהו וקמת ועלית אל המקום זה בהמ"ק שיבנה ב"ב אמן.

## - ד -

### זיך גרויסהאלטן איז א שפיל מיט פייער!

**לְבִלְתִּי רוּם לְבָבוֹ מֵאֶחָיו וּלְבִלְתִּי סוּר מִן הַמִּצְוָה יָמִין וּשְׂמֹאול** (יז כ).

[דער קעניג] זאל זיך נישט האלטן גרעסער פון זיינע ברידער,

און ער זאל נישט אפקערן פון די מצוות רעכטס און לינקס

דער הייליגער חתם סופר זי"ע איז מרמז אין דעם פסוק דאס וואס חז"ל זאגן (סוטה ד:), אז ווער עס איז א 'בעל גאוה' ווערט ער גערעכנט ווי ער וואלט געדינט עבודה זרה רח"ל. ווייל דאסווארט 'צו' איז מרמז אויף עבודה זרה (סנהדרין נו:), און דאס ווארט 'מה' איז מרמז אויף ענוה (חולין פט.). קומט אויס אז ווען מ'נעמט אראפ די רעכטע און די לינקע אותיות פון דעם ווארט 'מצוה', וואס דאס איז 'מה' וואס ווייזט אויף ענוה, דעמאלט בלייבט איבער 'צו' וואס איז מרמז אויף עבודה זרה.

דאס ווארענט אונז דער פסוק אָן: 'לבלתי רום לבבו מאחיו' - דו זאלסט זיך נישט האלטן גרויס ח"ו, 'לבלתי סור מן המצוה ימין ושמאל' - ווייל אויב יא, קומט דאך אויס אז דו נעמסט אראפ די רעכטע און די לינקע אותיות פון 'מצוה', ווייל דו האסט דאך נישט די מידה פון 'מה' (ענוה), אויב אזוי בלייבט דיר נאר איבער 'צו' וואס איז מרמז אויף עבודה זרה, ווייל א בעל גאוה איז ווי אן עובד עבודה זרה[ג].

---

[ג] חתם סופר השלם פ' שופטים (עמ' ע"ו): לבלתי רום לבבו מאחיו ולבלתי סור מן המצוה ימין ושמאל. כי המתגאה כאלו עע"ז, ואחז"ל (ילק"ש פ' צו בשם הזוהר) אין צו אלא ע"ז, ותכלית הענוה הוא מדת מ"ה, ואם תכתוב תיבת מצו"ה ותסיר ממנו אות הימיני והשמאלי הוא אותיות מ"ה וישאר באמצע תיבת צ"ו הרומז על ע"ז, והיינו לבלתי סור מן המצוה ימין ושמאל וק"ל.

## - ה -

**'תמימות' – אן עצה פאר יעדן איד, אפילו פאר דער וואס טינקט זיך אין שמוץ!**

תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹהֶיךָ (יח, יג)

דו זאלסט זיך פירן מיט א גאנצקייט מיטן אויבערשטן

דאסווארט "תמים" האט א גרויסע ת'. דער הייליגער רבי משה קאברינער זי"ע ערקלערט, אז דאס איז מרמז, אז יעדער איד אינאיינעם מיט די גאנצע שמוץ און שלעכטס וואס איז אויף אים, קען אריינגיין אין דעם גרויסן ת', און זיך טרעפן א וועג וויאזוי זיך אומצוקערן צום אויבערשטן דורך 'תמימות'[ד].

## - ו -

**דער וועג צו 'השראת השכינה' – זיך נישט אפרעדן אויף די הנהגה פונעם באשעפער**

תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹהֶיךָ (יח, יג)

דו זאלסט זיך פירן מיט א גאנצקייט מיטן אויבערשטן

דער הייליגער רבי הערשעלע ליסקער זי"ע ערקלערט: דער אויבערשטער איז 'גאנץ' מיט אלע סארט ענינים פון שלימות, דעריבער קען ער אויך נאר רוען אויף א גאנצע זאך. א מענטש וואס רעדט זיך נישט אפ אויף די וועגן וויאזוי דער אויבערשטער פירט מיט אים, ער איז צופרידן וויאזוי דער אויבערשטער פירט מיט אים; ער איז ער גאנץ, ווייל ער שפירט און ער גלייבט אז ס'פעלט אים גארנישט, און ער איז זוכה צו 'השראת השכינה'.

---

[ד] וזל"ק (אמרות משה): תמים תהיה עם ה' אלוקיך. אמר על ת' הגדולה של תמים תהיה עם ה' אלקיך שהוא כל כך גדולה שאיש יהודי על אף כל הלכלוך שעליו יכול להכנס בה.

דאס איז די כוונה פון דעם פסוק: "תמים תהיה" - ווען דו וועסט זיין גאנץ, "עם ה' אלקיך" - וועסטו זיין מיטן אויבערשטן, ווייל זיין שכינה וועט רוען אויף דיר.

דאס איז דער טעם, פארוואס מען טאר נישט טון קיין מלאכה אום שבת, ווייל שבת קודש איז דא א 'השראת השכינה' אויף יעדן איד, דעריבער דארף מען זיך פאָרשטעלן כאילו אלע זיינע מלאכות זענען שוין געטון געווארן, כאילו ער איז 'גאנץ' און ער דארף מער נישט טון קיין שום מלאכה[ה].

- ז -

**נאר דער וואס איז באהאפטן אינעם באשעפער קען זוכה זיין צו שלימות**

תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹהֶיךָ (יח, יג)

דו זאלסט זיך פירן מיט א גאנצקייט מיטן אויבערשטן

דער הייליגער רבי הערשעלע ליסקער זי"ע ערקלערט, אז א מענטש אליין איז אלעמאל ווייט פון שלימות, ס'איז נישט מעגליך אז א בשר ודם זאל זוכה זיין צו שלימות. נאר אויב ער איז באהאפטן צום אויבערשטן, דאן ווערט ער א שלימות'דיגער באשעפעניש.

---

[ה] וזל"ק (אך פרי תבואה, עה"פ תמים תהיה): או יאמר דהנה השי"ת הוא שלם בכל מיני השלימות ואינו שורה אלא ג"כ על דבר שלם ואם האדם אינו מתרעם על מדותיו ית' אז הוא תמים ושורה עליו השכינה וזהו תמים תהיה עם ד' אלהיך, ולכן שבת אסור בעשיית מלאכה כי אז יש על כל אדם מישראל השראת השכינה, וצריך להיות במחשבתו כאילו כל מלאכתו הוא עשיה וכמבואר בדברי רבינו הטור ז"ל (או"ח ש"ו).

דאס איז מרומז אין דעם פסוק: "תמים תהיה" - ווען וועסטו זיין 'גאנץ' און שלימות'דיג? "עם ה' אלקיך" - אויב דו וועסט זיין באהאפטן צום אויבערשטן[י].

## - ח -

### דו דארפסט זיך נאר היטן וויפיל דו קענסט,

### די איבריגע וועט שוין דער אויבערשטער טון

**תָּכִין לְךָ הַדֶּרֶךְ** (יט, ג)

דו זאלסט אנגרייטן פאר דיר דעם וועג [אנצוקומען צו די 'ערי מקלט']

דער הייליגער בן איש חי זי"ע ערקלערט: דער הייליגער אר"י הקדוש זאגט אויפן פסוק (משלי ג, ו): "בכל דרכיך דעהו והוא יישר אורחותיך" [דו זאלסט קענען דעם אויבערשטן אין אלע דיינע וועגן, און דאן וועט ער אויסגלייכן דיינע וועגן], אז דאסווארט 'דרך' ווייזט אויף אן אפענעם וועג, און דאס ווארט 'אורח' ווייזט אויף א באהאלטענעם וועג. לויט דעם איז די כוונה פון דעם פסוק, אז דער מענטש דארף זיך אפהיטן נישט צו טון קיין שלעכטס אין די ענינים וואס זענען אפן פאר אים, און ער ווייסט אז ער דארף זיך היטן פון דעם ("דרכיך"), און דאן וועט ער באקומען א סייעתא דשמיא פון הימל, וואס וועט אים אפהיטן, אז ס'זאל אים נישט אונטערקומען קיין מכשול אין די ענינים וואס זענען באהאלטן פון אים ("אורחותיך").

דאס איז מרומז אין דעם פסוק: "תכין לך הדרך" - דו דארפסט נאר אנגרייטן דעם אפענעם וועג ("דרך"). ווייל פונעם מענטש פאדערט מען נאר זיך אפצוהיטן וויפיל ער

---

[י] וזל"ק (אך פרי תבואה, עה"פ תמים תהיה): או כי האדם בעצמו הוא חסר שלימות ורק כשהוא דבוק בשי"ת אז הוא נשלם בכל וזה תמים תהיה עם ד' אלקיך אבל לא בלחודך.

ווייסט, און פון זאכן וואס זענען אפן פאר אים, און די איבריגע וועט אים דער אויבערשטער שוין העלפן, אז ער וועט זוכה זיין צו ווערן אפגעהיטן אויך פון זאכן וואס ער ווייסט נישט[י].

## - ט -

**אז דו וועסט מתפלל זיין, וועט דיר דער אויבערשטער**

**זיכער דאטעווען פון אלע שלעכטע מחשבות!**

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ וְרָאִיתָ סוּס וָרֶכֶב עַם רַב מִמְּךָ**
**לֹא תִירָא מֵהֶם כִּי ה' אֱלֹהֶיךָ עִמָּךְ הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם (כ, א)**

ווען דו וועסט ארויסגיין אין א מלחמה אויף דיינע פיינט, און דו וועסט זען אסאך פערד און רייטוועגענער, א פאלק וואס איז מער פון דיר, זאלסטו נישט מורא האבן פון זיי, ווייל דער אויבערשטער דיין גאט איז מיט דיר, וואס ער האט דיר ארויסגענומען פון לאנד מצרים

דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע שרייבט: איך האב געהערט בשם דעם הייליגן רמב"ן זי"ע, אז א מענטש זאל נישט ציטערן אז ער וועט זיך נישט קענען מתגבר זיין אקעגן זיינע שלעכטע מחשבות, ווייל דער אויבערשטער האט דאך אונז ארויסגעצויגן פון מצרים, וואס דארט איז געווען פול מיט עבודה זרה'ס און טומאות, און זיי האבן

[י] וזל"ק (בן איש חי, דרשות): תכין לך הדרך ושלשת את גבול ארצך. נ"ל בס"ד ע"פ מ"ש רבינו האר"י ז"ל בפסוק בכל דרכיך דעהו והוא יישר אורחותיך דרך באתגלייא ארח באתכסייא ואם האדם נזהר ונשמר בדברים הגלויים אז הקב"ה ישמור אותו בדברים הנסתרים ומכוסים שנקראים בשם ארח עכ"ד נמצא דברים הגלוים הנקראים בשם דרך הם מבוקשים מן האדם והנסתרים שהם ארח אז הקב"ה יכין אותם לאדם וכמ"ש הנסתרות לה' אלהינו והנגלות לנו ולבנינו ולז"א תכין לך הדרך הוא הנגלה כי זה מתבקש ממך ושמירתו עליך.

אונז געוואלט מאכן זינדיגן חלילה, ווייל זיי האבן ארייגעברענגט אין די הערצער פון די אידן - מחשבות פון מינות רחמנא ליצלן, און מיט דעם אלעם האט זיי דער אויבערשטער ארויסגענומען פון דארט מיט וואונדערליכע ניסים, און ער האט זיי ארויסגענומען פון די מ"ט שערי טומאה, און זיי אריינגעברענגט אין די מ"ט שערי קדושה, ביז זיי האבן זוכה געווען צו גאר הויכע מדריגות פון געטליכע השגות און רוח הקודש, ווי חז"ל זאגן (מכילתא בשלח, ב), אז אפילו א שפחה האט משיג געווען ביים ים סוף מער ווי יחזקאל הנביא; זעט מען דאך, ווי מען קען דערהויבן ווערן פון די נידריגסטע מדריגה צו די העכסטע השגות, אויב אזוי דארף מען נישט זיין באזארגט, אז מען וועט זיך נישט קענען מתגבר זיין קעגן שלעכטע מחשבות.

דאס איז די טיפע כוונה פון דעם פסוק: "וְרָאִיתָ סוּס וָרֶכֶב עַם רַב מִמְּךָ" - אויב דו וועסט זען ווי עס זענען זיך מתגבר אויף דיר שווערע כוחות פון די סטרא אחרא, "לֹא תִירָא מֵהֶם" - זאלסטו נישט מורא האבן פון זיי, "כִּי ה' אֱלֹהֶיךָ עִמָּךְ הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם" - ווייל דו זאלסט געדענקען, אז דער אויבערשטער האט דיר ארויסגענומען פון אזעלכע טומאות וואס זענען געווען אין מצרים, אויב אזוי, איז זיכער אז דער אויבערשטער וועט דיר העלפן זיך שטארקן קעגן די קליפות.

די איינציגסטע עצה אויף אלעם, איז צו מתפלל זיין צום אויבערשטן, און ער וועט זיכער ענטפערן און אננעמען זיינע תפילות אָן קיין שום ספק, ווייל דער אויבערשטער איז פול מיט רחמנות, און ער איז מקרב אלע פארווארפענע נשמות, און זיין רעכטע האנט איז אויסגעשטרעקט אנצונעמען די וואס טוען תשובה[ח].

---

[ח] וזל"ק (זכרון זאת, משלי): עוד כמו ששמעתי בשם הרב ר' משה בר נחמן ז"ל שלא יתיירא האדם ממחשבות זרות ר"ל, כי כתיב אנכי ה' אלקיך המוציאך מארץ מצרים שהיה מלא גילולים וטומאות והיו רוצים להחטיאנו ר"ל שהיו מכניסים ללב בני ישראל מינות, ודאי לשבט לוי לא

- י -

## זיי זיך נישט מייאש אפילו דו ביסט פול מיט עבידות!!

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ וְרָאִיתָ סוּס וָרֶכֶב עַם רַב מִמְּךָ**

**לֹא תִירָא מֵהֶם כִּי ה' אֱלֹהֶיךָ עִמָּךְ הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם (כ, א)**

ווען דו וועסט ארויסגיין אין א מלחמה אויף דיינע פיינט, און דו וועסט זען אסאך פערד און רייטוועגענער, א פאלק וואס איז מער פון דיר, זאלסטו נישט מורא האבן פון זיי, ווייל דער אויבערשטער דיין גאט איז מיט דיר, וואס ער האט דיר ארויסגענומען פון לאנד מצרים

דער הייליגער רבי משה קאברינער זי"ע טייטשט: "**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ**" - אז דו וועסט ארויסגיין מלחמה האלטן מיטן יצר הרע, "**וְרָאִיתָ סוּס וָרֶכֶב עַם רַב**" - און דו וועסט זען אסאך קליפות און כוחות פון די סטרא אחרא, וואס זענען באשאפן געווארן "**מִמְּךָ**" - פון דיר, פון דיינע שלעכטע מעשים, און דאן קען זיך דער מענטש מייאש זיין חלילה, און טראכטן וויאזוי וועל איך קענען תשובה טון?! דעריבער ווארענט אונז דער פסוק אָן: "**לֹא תִירָא מֵהֶם**" - דו זאלסט זיך נישט מייאש זיין צוליב

---

היו יכולים כלל כי ה' אתם והיה עונה להם תמיד, וידעו והשיגו אותו באמת כידוע, ועונה הכל לרצון בעלמא תמיד, וליתר העם מה עשה הקב"ה בנסים ונפלאות שעשה עמם הוציאם ממ"ט שערי טומאה שהיו בהם והכניסם למ"ט שערי קדושה, והשיגו וידעו הכל, עד שהשיגו רוח הקודש ושרו הכל שירה אחת, וראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל כידוע (מכילתא בשלח ב). גם במצרים כמו שפי הרב רבי משה אלשיך ז"ל על המכות מצרים... והנה גם לכל אדם רק העצה להתפלל אל ה' יתברך על הכל, והוא עונה ומזכיר האמת בלי שום ספק כלל, וכבר הבטיח על זה הוא ית' במה שאמר וראית עם רב ממך לא תירא מהם כי ה' אלקיך הוציאך מארץ מצרים ממלא גילולים כנ"ל בפירוש ר' משה בר"נ ז"ל והקב"ה מלא רחמים, בפרט אונס, והוא מקרב נדחים, וימינו פשוטה לקבל שבים.

דעם חס ושלום, "כִּי ה' אֱלֹהֶיךָ עִמָּךְ הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם" - ווייל אפילו ווען דו ביסט געווען אין מצרים פארזינקען אין די מ"ט שערי טומאה, פארט האט דיר דער אויבערשטער ארויסגעצויגן פון דארט, און דיר מקרב געווען צו זיין זיין אויסדערוועלטן פאלק[ט].

## - יא -

### וויאזוי גייט מען אין מלחמה מיטן יצר הרע?

כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ וְרָאִיתָ סוּס וָרֶכֶב עַם רַב מִמְּךָ לֹא תִירָא מֵהֶם כִּי ה' אֱלֹהֶיךָ עִמָּךְ הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם: וְהָיָה כְּקָרָבְכֶם אֶל הַמִּלְחָמָה וְנִגַּשׁ הַכֹּהֵן וְדִבֶּר אֶל הָעָם: וְאָמַר אֲלֵהֶם שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אַתֶּם קְרֵבִים הַיּוֹם לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֵיכֶם אַל יֵרַךְ לְבַבְכֶם אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּחְפְּזוּ וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם: כִּי ה' אֱלֹהֵיכֶם הַהֹלֵךְ עִמָּכֶם לְהִלָּחֵם לָכֶם עִם אֹיְבֵיכֶם לְהוֹשִׁיעַ אֶתְכֶם (כ, א-ד)

ווען דו וועסט ארויסגיין אין א מלחמה אויף דיינע פיינט, און דו וועסט זען אסאך פערד און רייטוועגענער, א פאלק וואס איז מער פון דיר, זאלסטו נישט מורא האבן פון זיי, ווייל דער אויבערשטער דיין גאט איז מיט דיר, וואס ער האט דיר ארויסגענומען פון לאנד מצרים. און ווען איר וועט זיך דערנענטערן צו די מלחמה, זאל דער כהן [דער

[ט] וזל"ק (אמרות משה): כי תצא למלחמה על אויביך וראית סוס ורכב עם רב ממך לא תירא מהם כי ה' אלהיך עמך המעלך מארץ מצרים. ר"ל כשתצא להלחם עם היצר וראית סוס ורכב זהו ס"מ וכל כת דילי' עם רב ממך ממך ממש שנתרבו חס ושלום ממעשיך ושמא תתיאש חס ושלום באיזה אופן אוכל לשוב להשם יתברך על כן התורה הקדושה מזהרת לנו לא תירא מהם כי ה' אלוקיך עמך המעלך מארץ מצרים אפי' כשהיית במצרים במ"ט שערי טומאה מכל מקום השם יתברך הוציאך משם והביא אותך אליו להיות לו לעם סגולה.

'משוח מלחמה'] געגענען, און ער זאל רעדן צום פאלק. און ער זאל זאגן צו זיי: "הער זיך איין, אידן, איר דערנענטערט זיך היינט, מלחמה צו האלטן מיט אייערע פיינט, אייער הארץ זאל נישט ווייך ווערן, איר זאלט נישט מורא האבן און נישט ווערן פארלוירן און נישט ווערן צעבראכן פון זיי. ווייל דער אויבערשטער איז אייער גאט וואס גייט מיט אייך, מלחמה צו האלטן פאר אייך מיט אייערע פיינט אייך צו העלפן"

דער הייליגער בית אהרן זי"ע ערקלערט די פסוקים, ווי פאלגנד [געבויעט אויף דעם מהלך פונעם אור החיים הקדוש]: "כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ" - אז דו וועסט ארויסגיין מלחמה האלטן מיטן יצר הרע, "וְרָאִיתָ סוּס וָרֶכֶב עַם רַב" - און דו וועסט זען אסאך קליפות און כוחות הטומאה, וואס זענען באשאפן געווארן "מִמְּךָ" - פון דיר, פון דיינע שלעכטע מעשים. "לֹא תִירָא מֵהֶם" - דו זאלסט זיך נישט מייאש זיין צוליב דעם חס ושלום, "כִּי ה' אֱלֹהֶיךָ עִמָּךְ הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם" - ווייל דער אויבערשטער איז מיט דיר, און ער האט דיר שוין ארויסגענומען פון מצרים, וואס דארט איז אויך געווען פול מיט קליפות, און פארט האט דיר דער אויבערשטער ארויסגענומען פון דארט.

"וְהָיָה כְּקָרָבְכֶם אֶל הַמִּלְחָמָה" - און ווען איר וועט זיך דערנענטערן צום אויבערשטן, דורך די מלחמה, ווייל דער עיקר וועג וויאזוי מען ווערט נאנט צום אויבערשטן, איז דוקא דורכן פירן א מלחמה מיט די סטרא אחרא, "וְנִגַּשׁ הַכֹּהֵן וְדִבֶּר אֶל הָעָם" - דאן וועט קומען די 'מידת החסד' ('כהן' איז מרמז אויף 'חסד'), און ער וועט מעורר זיין דאס פאלק, "וְאָמַר אֲלֵהֶם שְׁמַע יִשְׂרָאֵל" - און ער וועט זיי זאגן: "שמע ישראל" - איר זאלט ליינען קריאת שמע, און מקבל זיין אויף זיך 'עול מלכות שמים', ווייל דאס איז דער עיקר פון אלעם, און דער תכלית פון אלעם.

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

שופטים

דערנאך רעכנט ער אויס פיר ענינים: א] "אַל יֵרַךְ לְבַבְכֶם", ב] "אַל תִּירְאוּ", ג] "וְאַל תַּחְפְּזוּ", ד] "וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם", דאס איז מרמז אויף די פיר נקודות וואס מען דארף פארבינדן צום אויבערשטן בשעת ווען מ'דאווענט: א] דער כח פון 'זען', ב] דער כח פון 'רעדן', ג] דער כח פון 'טראכטן', ד] דער 'רצון' פונעם הארץ, און דאן וועט זיין: "כִּי ה' אֱלֹהֵיכֶם הַהֹלֵךְ עִמָּכֶם לְהִלָּחֵם לָכֶם עִם אֹיְבֵיכֶם לְהוֹשִׁיעַ אֶתְכֶם" – דער אויבערשטער וועט אייך העלפן, תשובה צו טון מיט אן אמת[י].

---

[י] וזל"ק (בית אהרן, סוף פר' שופטים): כי תצא למלחמה על אויבך וראית סוס ורכב עם רב ממך לא תירא מהם כו'. אמר נדבר עפ"י הפירוש של הרב הקדוש בעל אוה"ח זצ"ל. כי תצא למלחמה על אויביך. זה יצה"ר. וראית סוס ורכב עם רב ממך. היינו אותם הקליפות וד"א הבאים ממך ממש לא תירא מהם. לא תתייאש מהם מחמת זה ח"ו. כי י"י אלקיך עמך המעלך מארמ"ץ. ששם היה ג"כ כנ"ל. וי"י הוציאם משם. והיה כקרבכם אל המלחמה. היינו כשתקרבו אל הש"י מחמת המלחמה כי זהו עיקר ההתקרבות. וניגש הכהן ודיבר אל העם. הכהן זו מדת החסד כמ"ש תומיך ואוריך לאיש חסידך. ואמר להם שמע ישראל זו ק"ש. כי זהו עיקר הכל ותכלית הכל. אתם קרבים היום למלחמה על אויביכם אל תראו ואל תחפזו. אל ירך לבבכם כו' וכפירש"י אל ירך לבבכם מקול הקרנות כו'. כנגד ד' דברים שאו"ה עושים במלחמה והם כנגד הד' דברים שבתפלה שצריך ליחדם בתפלתו לא"ס ב"ה הראיה והדיבור והמחשבה ורעותא דלבא. כי ד' אלקיכם כו' להושיע אתכם. לעזריכם לשוב לפניו באמת.

## - יב -

**"איך האב מיד שוין פאריאר ראש השנה מקבל געווען זיך צו פארבעסערן, און..."**

**וְאָמַר אֲלֵהֶם שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אַתֶּם קְרֵבִים הַיּוֹם לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֵיכֶם אַל יֵרַךְ לְבַבְכֶם אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּחְפְּזוּ וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם** (כ, ג)

און דער 'משוח מלחמה' זאל זאגן צו די אידן [וואס גייען ארויס אין מלחמה]: "הער זיך איין, אידן, איר דערנענטערט זיך היינט, מלחמה צו האלטן מיט אייערע פיינט, אייער הארץ זאל נישט ווייך ווערן, איר זאלט נישט מורא האבן און נישט ווערן פארלוירן און נישט ווערן צעבראכן פון זיי"

רש"י ברענגט פון חז"ל (סוטה מב.), אז די ווערטער 'שמע ישראל' זענען מרמז, אז אפילו אויב די אידן האבן נישט קיין שום אנדערע זכות, נאר דער זכות פון מצות 'קריאת שמע', צוליב דעם אליינס זענען זיי ווערד אז השי"ת זאל זיי העלפן צו באזיגן די מלחמה.

הרה"ק בעל שם משמואל זצוק"ל איז מסביר א טיפן באדייט אין דעם "זכות פון קריאת שמע": ווייל 'קריאת שמע' איז דאך 'קבלת עול מלכות שמים' (ברכות יג.). און אפילו א מענטש דערזעהט זיך אז ער האט שוין אומצאליגע מאל געליינט קריאת שמע, און מקבל געווען אויף זיך דעם עול מלכות שמים, און דאך איז ליידער גארנישט געווארן דערפון, און ער איז נאך גאר ווייט פון האבן די ריכטיגע 'קבלת עול מלכות שמים', דאך טאר ער נישט ווערן געפאלן ביי זיך, נאר ער דארף זיך שטענדיג שטארקן און אנפאנגען פונדאסניי, און מקבל זיין פון פריש אויף זיך דעם עול מלכות שמים יעדן טאג ביי קריאת שמע.

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

שופטים

דאס איז א כח וואס נאר מיר אידן פארמאגן, אז מיר קענען אלץ אנפאנגען פונדאסניי מיט א פרישקייט, כאילו מיר האבן נאך גארנישט געטון ביז יעצט. אבער ביי די גויים עקזיסטירט נישט דער דאזיגער כח, ווייל זיי האלטן זיך שוין פאר פארטיגע מענטשן, און זיי האבן זיך נישט וואס צו פארבעסערן, אזוי ווי דער באדייט פון דעםווארט 'עֵשָׂו' איז א לשון פון פארטיג, אבער 'יעקב' איז א לשון 'עקב', וואס דאס ווייזט אויף ענוה, ער שפירט אז האט נאך גארנישט געטון, און ער דארף זיך גאר אסאך פארבעסערן, ממילא קען ער שטענדיג אנפאנגען פון פריש.

דער יהודי הק' פון פרשיסחא זצללה"ה פלעגט זאגן: דער חילוק פונעם היינטיגן טאג ביזן נעכטיגן טאג, איז פונקט ווי דער חילוק פון א איד ביז א גוי. דאס טייטש אז יעדן טאג האט ער געשפירט אז ער האט נאך אזויפיל צו שטייגן, ממש אזויווי א גוי זאל ווערן א איד.

און דאס איז פשט פון "דעם זכות פון קריאת שמע", אז די דאזיגע זכות אז מיר באנייען זיך פון פריש יעדן טאג צו מקבל זיין אויף זיך דעם 'עול מלכות שמים', כאטש מיר האבן דאס שוין געטוען אומצאליגע מאל און עס איז ליידער גארנישט געווארן דערפון, צוליב דעם זכות אליינס זענען מיר ווערד אז השי"ת זאל אונז העלפן.

אט די זעלבע געדאנק איז אויך שייך ווען עס קומט ראש השנה און די הייליגע טעג, אז די זכות פון די 'קבלה' וואס א מענטש איז מקבל אויף זיך, זיך צו פארבעסערן פון היינט און ווייטער, און ער קוקט נישט אויף דעם וואס ער האט זיך שוין דאס מקבל געווען פאריאר און עס איז גארנישט געווארן דערפון, נאר ער גלייבט מיט א

תמימות אז פון היינט און ווייטער וועס איז שוין זיין גוט, צוליב דעם זכות גייט ער ארוים 'זכאי בדין'.

מען דארף אבער זען אז די 'קבלה' זאל טאקע זיין מיט אן אמת און מיטן גאנצן הארץ, אזוי ווי הרה"ק רבי בונם פון פרשיסחא זצללה"ה האט געטייטש דעם פסוק 'צדק צדק תרדוף', אז מען דארף נאכיאגן דעם 'צדק', דאס הייסט די תורה ומצות, מיט 'צדק', דאס הייסט מיט אן אמת ובלב שלם[יא].

---

[יא] וזל"ק (שם משמואל פ' שופטים שנת תר"ע): שמע ישראל אתם קרבים היום למלחמה וגו', וברש"י אפילו אין בכם זכות אלא קריאת שמע בלבד כדאי אתם שיושיע אתכם. הענין דק"ש היא קבלת עול מלכות שמים, ואף שהאדם רואה שכמה פעמים קבל עליו עול מלכות שמים ולא נעשה מזה כלום, אף על פי כן לא יהא שפל בעיני עצמו, רק עליו להתחזק ולהתחיל מחדש. וזה כחם של ישראל להתחיל תמיד מחדש. וזה אינו מצוי בעכו"ם, כי הם שלמים בעצמם, ועשו מלשון עשוי ונגמר, משא"כ יעקב מלשון עקב שקטן הוא בעיני עצמו ומתחיל תמיד מחדש, וכמ"ש היהודי הקדוש זצללה"ה שבכל יום כנגד אתמול הוא כדמיון יהודי לגבי גוי, וזוהי זכות ק"ש. והבן. וכן הוא בר"ה בזכות זו הקבלה שאדם מקבל על עצמו להיות טוב מכאן ולהבא, ואינו משגיח על זה שכבר קיבל בשנה העברה ולא נעשה מזה כלום, רק מאמין שמעתה יהי' טוב, בזכות זה זוכין בדין. אך צריכין לראות שתהי' הקבלה באמ ובלב שלם. וכמו שאמר הרבי ר"ב זצללה"ה מפרשיסחא צדק צדק תרדוף, שתרדוף הצדק באמת ואמונה. וזהו על שלשה דברים העולם עומד על הדין ועל האמת, שיהי' דן את יצרו באמת. והבן.

## הפטורת שופטים

## - יג -

### אונזער נחמה: מיר האבן די הייליגע בתי מדרשות

**אָנֹכִי אָנֹכִי הוּא מְנַחֶמְכֶם** (ישעיה נא, יב)

איך [דער באשעפער] בין אייער טרייסטער

דער הייליגער חת"ם סופר זי"ע שרייבט: חז"ל זאגן (מגילה כט:), אז לעתיד וועלן אלע בתי כנסיות און בתי מדרשות ארויפגיין אין ארץ ישראל, און מען לערנט דאס ארויס פון א קל וחומר פון די בערג 'תבור' און 'כרמל', וואס ווען דער אויבערשטער האט געוואלט געבן די תורה פאר די אידן זענען זיי געקומען, און זיי האבן געוואלט אז דער אויבערשטער זאל געבן אויף זיי די תורה, צוליב דעם האבן זיי זוכה געווען צו ווערן ארייגעזעצט  אין ארץ ישראל, כאטש וואס זיי האבן נאר געוואלט קומען לערנען צייטווייליג, אויב אזוי איז זיכער אז בתי כנסיות און בתי מדרשות וואס מען לערנט דארט תורה בקביעות, וועלן זיכער ארייגעזעצט ווערן אין ארץ ישראל. קומט אויס, אז דאס איז א געוואלדיגע טרייסט פאר כלל ישראל, אז מיר דרייען זיך יעצט אין בתי מדרשים, וואס לעתיד וועלן זיי זיין א חלק פון ארץ ישראל.

חז"ל זאגן (ילקוט שמעוני שופטים, ה), אז וויבאלד די בארג 'תבור' איז געקומען מקבל זיין די תורה, און זי האט געוואלט אז דער אויבערשטער זאל זאגן אויף איר די ווערטער 'אנכי ה' אלקיך', דעריבער האט די בארג זוכה געווען , אז מען האט געזאגט אויף דעם - די שירה פון דבורה, וואס דארט שטייט צוויי מאל דעם ווארט 'אנכי' (שופטים ה, ג), אויב אזוי קומט אויס, אז ס'איז א קל וחומר אז אויף בתי כנסיות און בתי מדרשות ווערט געזאגט צוויי מאל 'אנכי'.

דאס איז די כוונה פון דעם פסוק: "אנכי אנכי הוא מנחמכם" – אייער טרייסט איז: די צוויי מאל 'אנכי', וואס ווערט געזאגט אויף די בתי מדרשות"[יב].

## - יד -

**טראץ דיין נידריגע מצב ווערט נישט אפגעהאקט דיין קשר מיטן אויבערשטן!**

**וָאָשִׂים דְּבָרַי בְּפִיךָ וּבְצֵל יָדִי כִּסִּיתִיךָ לִנְטֹעַ שָׁמַיִם**
**וְלִיסֹד אָרֶץ וְלֵאמֹר לְצִיּוֹן עַמִּי אָתָּה (ישעיה נא, טז)**

[דער אויבערשטער זאגט:] און איך וועל לייגן מיינע ווערטער [די הייליגע תורה] אין דיין מויל, און איך וועל דיר צודעקן און באשיצן מיט דער שאטן פון מיין האנט, די אידן [וואס זענען געגליכן צו די שטערנס פון הימל] וועלן ווערן איינגעפלאנצט און כלל ישראל [וואס איז געגליכן צו די זאמד פון דער ערד] וועלן ווערן באפעסטיגט, און אלע וועלן זאגן אויף 'ציון' – דו ביסט מיין פאלק

הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע זאגט: די דאזיגע הפטורה איז די פערטע פון די 'שבע דנחמתות', וואס דאס ווייזט אויף די מדה פון 'נצח', וואס דאס איז די מדה פון משה רבינו ע"ה, ווייל דער כח פון משה רבינו וואס ער האט אראפגעברענגט די תורה

---

[יב] וזל"ק (חת"ם סופר, עמ' פב): אנכי אנכי הוא מנחמכם. אחז"ל ואהי להם למקדש מעט אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל ועתידין שיקבעו בא"י ק"ו מתבור וכרמל שלא באו ללמוד תורה אלא לפי שעה נקבעו בא"י בתי כנסיות ובהמ"ד שמרביצין בהם תורה עאכ"ו (מגילה כ"ט). נמצא זהו נחמה גדולה לישראל שעומדים גם עתה במקדש מעט שעתיד שיקבע בא"י במהרה בימינו ואחז"ל (ילק"ש שפטים ה') תבור שבא לקבל אנכי ה' אלקיך זכה שנאמר עליו ב' פעמים אנכי בשירת דבורה אנכי לה' אנכי אשירה והנה לפי הנ"ל מן ההר הזה נלמד ק"ו לבהכ"נ ובהמ"ד ע"כ אנכ"י אנכ"י הוא מנחמכם.

אויף די וועלט; זיין כח איז א 'נצחיות', עס האקט זיך קיינמאל נישט אפ, אפילו היינטיגע צייטן קען יעדער איד ווערן נאנט צו השי"ת דורך די תורה הקדושה.

דערפאר שטייט אין דעם הפטורה דער פסוק 'ואשים דברי בפיך ובצל ידי כסיתיך לנטוע שמים וליסוד ארץ ולאמר לציון עמי אתה'. ווייל אין ירושלמי שטייט (תענית פ"ד ה"ב), אז דער פסוק איז מרמז אויף דעם וואס די משנה זאגט (אבות א, א): 'על שלשה דברים העולם עומד על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים' [די וועלט שטייט אויף דריי ענינים: א] אויף תורה, ב] אויף עבודה, ג] און אויף גמילות חסדים], ווייל די ווערטער 'ואשים דברי בפיך' גייט ארויף אויף די תורה, 'ובצל ידי כסיתיך' איז מרמז אויף גמילות חסדים, 'לנטוע שמים וליסוד ארץ' איז מרמז אויף קרבנות, 'ולאמר לציון עמי אתה' גייט ארויף אויף די אידן וואס ווערן אנגערופן 'ציון'.

לכאורה איז שווער צו פארשטיין ווי אזוי זענען די ווערטער 'לנטוע שמים וליסוד ארץ' מרמז אויף קרבנות? נאר באמת קומט דאך השי"ת דא צו טרייסטן די אידן אין גלות, און אין גלות איז דאך נישט דא קיין קרבנות, און אין די צייטן פון די משנה איז דאך אויך נישט געווען קיין קרבנות, מוז מען זאגן אז 'עבודה' גייט אויף אויף 'תפילה', אזוי ווי חז"ל דרש'נען (ספרי עקב ה') אויפן פסוק (דברים יא, יג): 'ולעבדו בכל לבבכם' אז דאס גייט ארויף אויף תפילה. און השי"ת טרייסט דערמיט די אידן, אז אפילו אזעלכע וואס קענען לײדער נישט לערנען קיין תורה, דאך קענען זיי זוכה זיין צו זיין נאנט צו אים דורך די כח התפילה.

דאס זאגט דער פסוק 'ואשים דברי בפיך' - דאס גייט ארויף אויף די 'תורה' וואס מען לערנט מיטן מויל, וואס א מענטש איז דאך באשאפן געווארן צו לערנען תורה, אזוי ווי חז"ל דרש'נען(סנהדרין צט:) אויפן פסוק (איוב ה, ז): 'אדם לעמל יולד' - לעמל

תורה. אבער אפילו איינער וואס קען נישט לערנען, דאך האט ער כאטש די כח פון 'תפילה', וואס אלע אידן דאווענען דאך דריי מאל א טאג, און אויף דעם זאגט דער פסוק 'לנטוע שמים וליסוד ארץ', 'ארץ' איז מדת 'מלכות', און דאווענען איז 'כעומד לפני המלך'.

אפילו איינער וואס איז נעבעך אזוי נידריג געפאלן אז ער קען אפילו נישט דאווענען, דאך האט ער א עצה צו זיין נאנט צו השי"ת דורך 'גמילות חסדים', און אויף דעם זאגט דער פסוק 'ובצל ידי כסיתיך', וואס די לשון 'צל' געפונען מיר אין חז"ל (ירושלמי סוטה פ"ז ה"ד) אויף בעלי חסד. ווייל 'גמילות חסדים' קען יעדער איינער טון, ווייל אפילו איינער האט נישט קיין געלט צו קענען געבן צדקה, קען ער אבער טון גמילות חסדים בגופו, העלפן אנדערע אידן וכדומה, און אויף דעם זאגן חז"ל (ברכות נז:) **'אפילו ריקנין שבך מלאים מצוות כרימון'.**

דאס פירט דער פסוק אויס 'ולאמר לציון עמי אתה', און דער ירושלמי דרש'נט, אז דאס גייט ארויף די אידן וואס ווערן אנגערופן 'ציון'. דאס מיינט צו זאגן אז יעדער איינציגער איד אָן אויסנאם ווערט גערעכנט ווי א 'מצוין', און איז 'אויסגעצייכנט' אקעגן די גוים כאטש מיט איינע פון די דריי אויבנדערמאנטע זאכן, אדער מיט 'תורה', אדער מיט 'תפילה', אדער מיט 'גמילות חסדים'.

דערפאר שטייט דער אויבדערמאנטער פסוק דוקא אין די פערטע הפטורה פון די 'שבע דנחמתא', וואס איז קעגן די מדה פון 'נצח', ווייל השי"ת טרייסט מיט דעם די אידן, אז די קדושה פונעם אידישן פאלק איז א 'נצחיות' אויך היינטיגע צייטן אין גלות, ווייל דורך דעם כח פון 'תורה עבודה וגמילות חסדים' זענען מיר נאנט צו השי"ת. ובפרט אום שבת קודש וואס דעמאלטס ווערן אלע אידן גערעכנט ווי תלמידי חכמים,

ווייל אלע שיידן זיך דעמאלטס אפ פון אלע עסקים אין זענען עוסק בתורה, דעריבער ליינט מען טאקע די הפטורה דוקא אום שבת קודש[ג].

---

[ג] וזל"ק (פרי צדיק פרשת שופטים, אות יא): הפטורה זו הרביעית מז' דנחמתות הוא כנגד מדת נצח והז' רועים הם מרכבה לז' המדות ומשה רבינו למדת נצח כידוע. והנה יעקב אבינו שמטתו שלימה שאין בה פסולת הוא מרכבה למדת תפארת שהוא מדת אמת וכתיב שפת אמת תכון לעד. אבל כתיב רק תכון לעד ולא כוננת לעד בהווה רק לעתיד וכמו שאמר בזוהר הקדוש (פרשת תשא). מה שאין כן משה רבינו ע"ה שכוחו הוא שהוריד הדברי תורה לארץ הוא מרכבה למדת נצח, היינו שאין לו הפסק עולמות (כמו שאמרו עירובין נ"ד.). והיינו שעל ידי כח התורה אין לו הפסק כלל אפילו בהווה גם כן. ולכן נאמר בהפטורה זו ואשים דברי בפיך ובצל ידי כסיתיך לנטוע שמים וליסוד ארץ ולאמור לציון עמי אתה וכו', ובירושלמי (תענית פ"ה ה"ב) על ג' דברים העולם עומד וכו' ושלשתן בפסוק אחד ואשים דברי בפיך זו תורה ובצל ידי כסיתיך זו גמילות חסדים לנטוע שמים וליסוד ארץ אלו הקרבנות. דרש הפסוק על תורה ועבודה וגמילות חסדים, ומה שאמרו אלו הקרבנות ואיך נרמז בפסוק קרבנות. אך הפסוק נאמר לנחם אותנו בגלות שאין לנו מזבח וקרבנות גם בזמן המשנה גם כן כבר לא היו קרבנות. אך עבודה, היינו תפלה ואיתא (בספרי עקב) ולעבדו בכל לבבכם זו תפלה וכו' וכי יש לך עבודה בלב וכו' וכי יש פולחן בבבל הא מה תלמוד לומר ולעבדו זו תפלה וכו' דתפלות כנגד תמידין תיקנום (כמו שאמרו ברכות כ"ו ע"ב). ואמר התנחומין אלו על פי שאמרו (שמו"ר פ' ל"ח) דברים אני מבקש שנאמר קחו עמכם דברים וגו' ואין דברים אלא דברי תורה שנאמר אלה הדברים וגו' אמרו לו אין אנו יודעין אמר להם בכו והתפללו לפני ואני מקבל. וזהו ואשים דברי בפיך זה תורה שזה עיקר לעמל תורה נברא (כמו שאמרו סנהדרין צ"ט ע"ב) ואף מי שאינו יכול ללמוד מכל מקום על כל פנים כל אחד מישראל מתפלל ג' פעמים ביום והוא נקרא עמל שיחה ואין שיחה אלא תפלה (ברכות שם). ועל זה אמר לנטוע שמים וליסוד ארץ ארץ הוא מדת מלכות ותפלה הוא כעומד לפני המלך והוא בחינת יראה וכמו שנדרש (שם ט' ע"ב) הפסוק ייראוך עם שמש על תפלה וכן הפסוק כי את האלהים ירא על תפלה. ואף מי שהוא בור ואינו יכול להתפלל גם כן מכל

# דברי חיזוק פון אונזערע צדיקים

שופטים

## חודש אלול

## - טז -

### דער מהות פון א איד איז: העכער ווי טבע

דער הייליגער **שפת אמת** זי"ע זאגט: אויף דער וועלט איז נישטא קיין שלימות, ווייל די טבע פון דער וועלט פארדעקט און פארשטעלט די פנימיות. נאר לויט וויפיל דער מענטש גייט ארויס פון 'טבע', אזויפיל דערגרייכט ער צו 'שלימות'.

אט דער ענין איז געגעבן געווארן בלויז פאר אונז – אידן, אז מיר ווערן געפירט דורך א העכערע הנהגה וואס איז העכער ווי די טבע, אבער די גויים זענען אונטערגעווארפן אונטער די טבע. די גאנצע חכמה און עקזיסטענץ פון די גויים איז דורך טבע, און אידן

---

מקום יש לו גם כן עצה על ידי גמילות חסדים שזה ביד כל אחד מישראל ועל זה אמר בצל ידי כסיתיך והוא על פי שאמרו (ירושלמי סוטה פ"ז ה"ד) עתיד הקדוש ברוך הוא לעשות צל לבעלי מצות בצילן של בעלי תורה שנאמר כי בצל החכמה בצל הכסף והוא גמילות חסדים בממונו. ומי שאין סיפק בידו לעשות גמילות חסדים בממונו יכול לעשות גמילות חסדים בגופו וכמו שאמרו (סוכה מ"ט ע"ב) גדולה גמילות חסדים יותר מן הצדקה צדקה בממונו גמילות חסדים בין בממונו בין בגופו וכו'. וזה ביד כל אחד מישראל ואף ריקנין שבך מלאים מצות כרמון (ברכות נ"ז ע"ב) וזה שאמרו בירושלמי ולאמור לציון עמי אתה אלו ישראל שכל אחד מישראל מצוין נגד האומות אם בתורה או בתפלה או בגמילות חסדים. וזה התנחומין בהווה שנצח של ישראל אין לו הפסק עולמות. ובשבת כל אחד מישראל בכלל תלמיד חכם כמו שאמרנו ממה שאמרו (שבת קי"ט ע"ב) מי עדיפת לן מינה. וכל ישראל מצוינים שכל אחד משליך כל עסקיו ומפנה עצמו לדברי תורה כמו שאיתא (ריש סא"ר) שבת יעשה כולו תורה וכו' לכן אומרים בשבת תנחומין אלו.

זענען פונקט פארקערט: אונזער גאנצער כח און עקזיסטענץ איז נאר ווען די טבע ווערט בטל.

טאקע צוליב דעם וואס נאר אידן פארמאגן דעם כח צו מבטל זיין זייער גאנצע טבע צום אויבערשטן, דעריבער זענען די אידן זוכה צו אן אויסטערלישע מדריגה פון השראת השכינה וואס קיין שום פאלק קען נישט זוכה זיין. דאס איז מרומז אין דעם פסוק (שיר השירים ו, ג): "אני לדודי ודודי לי" - אז ווי מער מיר גרייטן זיך אן, און מיר פרובירן ארויסצוגיין פון טבע, און מבטל זיין אונזער גאנצער כח צום אויבערשטן, אזויפיל זענען מיר זוכה אז דער אויבערשטער זאל מער מגלה זיין זיין געטליכקייט אויף אונז.

עס ווערט געברענגט (פרי עץ חיים, שער ראש השנה פרק א), אז דער פסוק "א'ני ל'דודי ו'דודי ל'י" איז ראשי תיבות אלו"ל, און דאס איז מרמז אויף די עבודה פון חודש אלול. ווייל חז"ל זאגן (סדר עולם רבה, פרק ו), אז אין די טעג פון חודש אלול האט דער אויבערשטער מוחל געווען פאר די אידן אויף די עבירה פון די עגל, וואס דאס מיינט, אז דער אויבערשטער האט אנגענומען די תפילות פון משה רבינו, און די תשובה פון כלל ישראל, וואס זיי האבן זיך געוואלט דערנענטערן צום אויבערשטן,און זיי האבן פרובירט מבטל צו זיין זייער טבע צום באשעפער ("אני לדודי"), און דורכדעם האט ער זיך דערנענטערט צו זיי, און ער האט זיי מגלה געווען זיין געטליכקייט ("ודודי לי").

יעדעס יאר אום חודש אלול איז מסוגל צו קענען מעורר זיין דעם אויבערשטן אז ער זאל באווייזן אין אונז, און אונז משפיע זיין פון זיין געטליכקייט[יד].

---

[יד] וזל"ק (שפת אמת, שנת תרנ"ח): בפסוק תמים תהיה. כתיב בפרשת מילה שניתנה לאברהם אבינו ע"ה התהלך לפני והיה תמים. כי בעולם הזה אין נמצא השלימות

כי הטבע מכסה הפנימיות, וכמו כן הערלה באדם, ובהסרת הערלה בא אברהם אבינו ע"ה אל התמימות, וכן הוא כפי מה שיוצאין מן הטבע זוכין אל השלימות, וזה ניתן לבני ישראל הנהגה עליונה שלמעלה מן הטבע. והנה הגוים אל מעוננים וקוסמים ישמעו כי הם תחת הטבע, לכן חכמות שלהם מצד הטבע, אבל אתה לא כן נתן לך כי הנהגת בני ישראל למעלה מן הטבע בכח התורה, ולכן כל כחם אדרבא על ידי ביטול הטבע נתחזק כחם, וכמו שחכמת האומות והתחזקם בכח הטבע כי זה קיומם כמו כן כחם של בני ישראל בביטול הטבע. כתיב (שה"ש ג ו) אני לדודי ודודי לי אני לדודי הוא ביטול הטבעיות לבטל כל הכח אל השם יתברך וזה אינו בנמצא רק בבני ישראל וכמו כן דודי לי שמהאי טעמא יש התגלות אלקותו יתברך שמו לבני ישראל מה שאין בנמצא לשום אומה. וכפי מה שפונין בני ישראל עצמם להיות קדושים ומוכנים להקב"ה כך חל אלקותו יתברך שמו עליהם, זה נביא מקרבך כו' שעל ידי השתוקקות בני ישראל לדבר ה' זוכין לנביאים. ובמתן תורה יצאו לגמרי מן הטבע כמו שכתוב (תהלים פב ו) אמרתי אלקים אתם, וזכו לשמוע הדברות ונשאר מזה הכנה לדורות אל הנביאים. ועתה בעונותינו הרבים שנחסר זה ההשתוקקות אין עוד נביא. ואיתא בספרים כי חדש אלול רומז לפסוק אני לדודי כו'. כי מ' ימים אחרונים נתרצה לנו הקב"ה מתוך התעוררות הרחמים של משה רבינו ותשובת בני ישראל, דאיתא (סדר עולם רבה פרק ו) מה ראשונים ברצון כך אחרונים ברצון, דכתיב (י י) כימים הראשונים, אך הראשונים היו ברצון הקב"ה בעצמו ואחרונים נתרצה הקב"ה לנו כמו שאומרים מתרצה ברחמים ומתפייס בתחנונים. לכן כתיב אחר פסוק זה (שה"ש שם ד) יפה כו' רעיתי כתרצה ואיתא במדרש (שה"ש רבה שם) כתרצה כשאתם מתרצים לי כד את בעיא לא בעית מליף כלום עיין שם. פירוש שבכל עת יכולין בני ישראל לעורר רצון העליון בהתעוררות תשובה ולפי שבימים אלו נתקיים בפועל ממש לכן הימים מסוגלים לזה בכל שנה.

- יז -

## די עבודה פון חודש אלול - א׳חד ל׳ו ו׳אחד ל׳חבירו

דער הייליגער חיד״א זצוק״ל שרייבט, אז די ערשטע זאך וואס א מענטש דארף ארבעטן אויף דעם איז, אז ער זאל ליב האבן זיין חבר פונקט אזויווי ער האט זיך אליינס ליב, און פונקט אזויווי ער האט ליב זיין געלט. אויף דעם ווייזט די אות א׳ פון דעםווארט אלול, אז אנשטאט ׳איבה׳ [פיינטשאפט] זאל זיין ׳אהבה׳ [ליבשאפט]. און די ׳ראשי תיבות׳ פון אלו״ל איז, א׳חד ל׳ו ו׳אחד ל׳חבירו, אז א מענטש זאל פארגינען פאר זיין חבר פונקט ווי ער פארגינט פאר זיך אליין[טו].

[טו] וזל״ק (חדרי בטן, פ׳ שופטים אות לב): הא למדת שצריך לאהוב לחבירו כנפשו וממונו, וזה תחילת הכל, והוא האל״ף של אלול, במקום איבה יהיה אהבה, וראשי תיבות אלו״ל, א׳חד ל׳ו ו׳אחד ל׳חבירו.